ייוו"א / ארכיון
ייוו"א / ארכיון

פינפטער יאהרגאַנג. Nr. 2 (30) פרייז 85 גר. ערשיינט יעדען חודש.

בית יעקב לכו ונלכה באור ד׳ (ישעי׳)

אילוסטרירטער פאמיליען=זשורנאל

אשה יראת ד׳ היא תתהלל (משלי)

# בית יעקב

ארגאַן פאַר די אינטערעסען פון בית=יעקב=שולען און אָרגאַניזאַציעס בנות=אגודת=ישראל אין פוילען.

ב״ה לאָדז, טבת – שבט תרפ״ח. | № 30. | Łódź, Luty 1928 r.

**דער ציעל פון די בית יעקב שולען:** ערציהען די יודישע טעכטער אין גייסט פון דער יודישער תורה און ישראל׳ס היסטאָרישע אייביגקייט׳ס-אידעאַלען.

אבאָנאמענטס-פרייז: א יאָהר 8 גילד. אויסל.: 2 דאָלאַר. געלד פריהעראויס.

אַדרעס פון רעד. און אַדמ.:
Łódź, ul. Aleksandrowska 28

**דאָס פראָגראַם פון בנות אגודת ישראל:** פליכט-ערפילונג פון דער יודישער פרוי אין דער לעזונג פון די יודישע פראָבלעמען און גייסט פון תורה ומסורה.

## אינהאַלט:

1) פון מיין רייזע אין דייטשלאַנד — — א. ג. פרידענזאָן
2) פעדאַגאָגישע שמועסען — — — ד״ר ה. איינשטעדטער
3) נאַטור-וויסענשאַפט אינ׳ם ליכט פון יודענטום — פראָפ. ד״ר ד. פינק
4) רעליגיע — — — — — ד״ר בנציון פעסלער
5) דאָרטען — דאָ (צו חמשה עשר בשבט) — מאיר וואָזדיסלאַווסקי, תל-אביב
6) יודישע רעליגיעזיטעט און די יודישע פרוי — מ. צייגער
7) צו שבת-שירה (ליד) — — — א. ז. פרידמאַן
8) בין-השמשות (ליד) — — — — ד. גוטענטאַג
9) שרה — די מוטער פון אידעאַל — — הרב משה חיים לויא
10) די וועלט פונ׳ם קינד — — — ראַבינדראַנאַט טאַגאָריע
11) מחשבה-בליצען — — — — איש-לוי
12) לאַגד-בעראַטונג פון בנות-אַגודת-ישראל: א) ערעפנונג; ב) טעטיגקייטס-בעריכט פון צ. ס. במשך 22 חדשים; ג) דיסקוסיעס; ד) בעשלוסען; ה) אַ מענער-ראַט.
13) קאָרעספּאָנדענציעס.
14) פון חודש צו חודש
15) נאָטיצען און אַנאָנסען.

ערשטע בייליאַגע: „קינדער=גאָרטען"

16) ראש=השנה צו די ביימער — — — ד״ר י. בעק.
17) דער שבת (אַ אמת׳ע געשיכטע) — — שרה שענירער
18) חמשה-עשר בשבט (ליד) — — — שלמה וויינריב
19) שרה׳לה די יתומה — — — — ב. דוואָרישצין
20) שניי-טייבעלעך (ליעד) — — — י. ל.ק.

צווייטע בייליאַגע: די חנוכת=הבית=פייערונג פון דער צווייטער בית=יעקב=שולע אין לאָדז (אויספיהרליכער בעריכט)

בילדער: 1) רבי יעקב ראָזענהיים שליט״א 2) הרב ד״ר עמנואל קאַרלעבאַך זצ״ל

רעדאַקטאָר: א. ג. פרידענזאָן

# פורים-דיאלאג
## פאר בית-יעקב-שולען

# 20 עקזעמפלארען „בית יעקב" זשורנאל
# 5 עקז. קינדער-גארטען

פרייז 6.00 זל.

אהן געלד פריהער ווערט נישט געשיקט!

  

איניגע שטעדט, אז אלע קינדער זאגאר פון די פאָוושעכנע שולען זאָלען די רעליגיעזע למודים לערנען אין די „בית יעקב" שולען.

ד) פאַרצובּרייטען אַ גרויסען לאָקאַל פאר די בית יעקב שולע וועלכע זאָל קענען אַריינעמען איניגע טויזענד שילערינ'ס א דאַנק וועלכע דער שכר לימוד וועט ווערען קלענער ביז אַמינימום באופן אַז ס'זאָל געגעבען ווערען די מעגליכקייט פאַר די פיעל טויזענדער שילערינ'ס וואָס געפונען זיך אין די פאָוושעכנע שולען, אַז זיי זאָלען קענען אָנגענומען ווערען אין בּית יעקב. — אַלע פאָרשלאַגען זענען אָנגענומען געוואָרען.

## רעפעראַט פון דיר. ח. ד. רוזאניס:

אין דעם יעצטיגען איינדרוקספולען מאָמענט ווי יעדער איז אדורכגעדרונגען מיט הייליגע בעגייסטערונג, בייוואוינענדיג דאָס גראַנדיעזע בילד פון דער היינטיגער חנוכת הבית פייערונג אין די יעצטיגע מינוטען פון התרוממות הרוח און חדות הנפש —שטעלט זיך אונז פאָר יענער ריהרענדע מאָמענט וואָס אונזער פאָטער יעקב האָט איבערלעבט, בעת ער האָט געהערט די גליקליכע בשורה אַז: עוד יוסף חי! ווי איז דען אימשטאַנד צו שילדערן אַזאַ ארט מאָמענט? צי איז דען פאַראַן אַ קינסטלער, וועלכער זאָל קענען מאָהלען אַזאַ ריהרענד בילד —אָבער דער פאָטער, וואָס האָט אַזאַ מאָמענט אליין איבערלעבט — ער איז עס אומשטאַנד צו פיהלען, אויך מיר געפונען זיך אין דער זעלבער לאַגע: שוין אַ רייה יאָהרען ווי עס טראָגט זיך צו אונז די טרויעריגע בשורה: פונ'ם „טרוף טורף יוסף". — אַז דאָס יודישע קינד גאַנץ בעזונדער'ס די יודישע טאָכטער, איז חלילה פערלוירען: אַז די חי' רעה וואָס האָט געלויערט אויף די יודישע שטוב האָט זי פון דאָרט ארויסגעריסען, און ליידער האָט זיך די טרויעריגע בשורה טיילווייז בעשטעטיגט; פון יעדער שטוב האָט זיך געטראָגען יענע האַרץ-רייסענדע וועה-געשריי: „אוי להם לבנים שגלו מעל שלחן אביהם!" אָבער אויך די עלטערן זענען אומגליקליך געוואָרען; יעדער פאָטער האַרץ איז צוריסען געוואָרען פאַר צער; יעדער מוטער האַרץ איז צושניטען געוואָרען פאַר ווייטאָג. און דער צער איז געווען אזוי גרויס און דער ווייטאָג —אזוי שרעקליך — — — ביז ענדליך מיר האָבען זיך דערוואַרט. ס'האָט זיך דערהערט די גליקליכע בשורה: אַז דאַס יודישע קינד לעבט! אז די יודישע טאַכטער איז אונזער!

יאָ, די יודישע טאָכטער איז בלב ונפש אונזער. און אָט האָט זי אונז געלאָזט זאָגען: מיר זענען גרייט זיך צו וואַרפען אין אייערע אָרעמ'ס אריין, אָבער מיר האָבען דאָך נישט וואו צו געהן; זייט מיר זענען אַרויס פון אייער הויז האָט עס זיך דאָך איינגאַנצען געענדערט; זייט מיר זענען פון אונזער היים פערטריבען געוואָרען איז דאָך אונזער היימישער קדשי קדשים אין גאַנצען חרוב געוואָרען, טאָ וואוהין זאָלען מיר געהן?

און אָט געפונענדיג זיך דאָ אין דעם הערליך דעקאָרירטען זאַל אינ'ם יעקב'ס הויז, וועלכעס איז ספעציעל אויפגעשטעלט געוואָרען פאַר אונזער טאָכטער—אָט דאָ לעבען מיר איבער דעם פייערליכען מאָמענט פונ'ם: עוד יוסף חי. אָט דאָ וועט אויך פאָרקומען די פייערליכע פגישה צווישען פאָטער און טאָכטער. אָט דאָ ווערט געלייגט די בריק פון להשיב לב בנים על אָבות. און דעריבער איז דער יעצטיגער מאָמענט אַזוי וויכטיג, דעריבער איז די יעצטיגע מינוט אַזוי בעדייטונגס-פול.

ווי אזוי דארף זיין אונזער אחריות-געפיהל לגבי דעם מאָמענט, ווי אזוי דארף זיין אונזער בעציהונג צו אָט דעם גראַנדיעזען בנין, וועלכער ווערט דאָ פאר אונזערע אייגען געשאַפען?

ס'איז פאַראַן אַ שעהנע אגדה, ווי עס ווערט דערצעהלט: אז ר' חנינא בן דוסא, וועלענדיג עפּעס שפענדען לטובת דעם בהמ"ק איז ער געגאַנגען אין דער מדבר און געפונענדיג דאָרט אַ ווערטפולען שטיין, האָט ער איהם אַרומגעהאַקט, אַרומגעפוצט אַזוי אַז ער זאָל ראוי זיין פאַר'ן בית המקדש. ער האָט אָבער נישט געקאָנט קריגען ווער עס זאָל איהם דעם שטיין פריהרען קיין ירושלים, פלוצלונג האָט ער דערזעהן איניגע מלאכים אין געשטאַלט פון מענשען, וועלכע האָבען איהם פערזיכערט, אַז זיי וועלען דעם שטיין פיהרען נאָך ירושלים, נאָר מיט'ן בּעדינג, אַז ער זאָל זיין האַנד מיטגעבען מיט'ן שטיין. אין אַ רגע איז ער שוין געווען אין ירושלים...

ווען מיר פערלאַנגען פון אייך, געעהרטע נאספים — רופט אויס דער רעדנער — אַז איהר זאָלט זיך בעשטייערן לטובת אָט דעם בהמ"ק, מיינען מיר נישט די קאַלטע שטיינער, בלויז די ציגעל, וואָס איהר דאַרפט געבען — אייער וואַרימע האַנד פערלאַנגען מיר! לייגט צו אייער האַנד צו דעם בנין, וואָס דאַרף אייך צוריקגעבען אייער טאָכטער וועט איהר זעהן ווי בּליץ שנעל וועט אַלעס פערטיג ווערען, וועט איהר זעהן, ווי דאָס אונמעגליכע וועט ווערען מעגליך!

שטיינער, ציגעל האָבען מעגליך אלע פערזאַמעלטע געגעבען פאַר אונזער בהמ"ק, אָבער די האַנד האָבען נאָר יחידים צוגעלייגט און דאָס איז דאָס וויכטיגסטע.

מ'האָט דאָ דערמאָנט, אַז די נשיאים האָבען שוין פון אייביג אַ חזקה צו פערשפעטיגען. אויך ביים משכן האָבען זי פערשפעטיגט. מעגליך אז לגבי דעם משכן איז דאָ גאָרנישט געשעהן. איז דאָך דאָס משכן אָהן זיי פערטיג געוואָרען — והמלאכה היתה דים. און אויך אונזער משכן איז ב"ה אין גאַנצען פערטיג געוואָרען, אָבער — והנשיאים חסר! אייך, נשיאים פעהלט דאָך!

דורכ'ן געבען די האַנד פאַר'ן בית יעקב ווערט דאָך געשאַפען דער קאָנטאַקט צווישען אייער שטוב און דעם „בית יעקב", ווערט דאָך געשאַפען דער צינור, וועלכער דאַרף איבערליפערן דעם „בית יעקב" גייסט אין אייער הויז, וואָס דאַרף בעלויכטען ווערען פונ'ם אור ד' — יעצט פעהלט עס דאָך אייך נשיאים! אָבער די אמאָליגע נשיאים זעהענדיג, אַז זיי האָבען פערשפעטיגט ביים בנין זענען זיי געווען די ערשטע, וואָס האָבען מקריב געווען קרבנות ביים חנוכת הבית. איהר נשיאים דאַרפט אויך קומענדיג צום היינטיגען חנוכת הבית, זיין די ערשטע, וואָס זאָלען גרייט זיין קרבנות מקריב צו זיין.

פאַראַנען עלטערן, וואָס געבען נישט אַריין זייערע קינדער אין „בית יעקב" ווייל זיי אימפאָנירען מעהר דער נאָמען גימנאַזיום, וואָס בית יעקב פערמאָגט עס דערווייל נישט, אָבער — רופט אויס דער רעדנער — דאָס קליינטשקע קרבן מעגען מיר פערלאַנגען פון אייך פאַר „בית יעקב"!

אונזערע עלטערן האָבען גרעסערע קרבנות געבראַנגט.

(ענדע איפ'ן שער-בלאַט)

Łódź, Luty 1928 r. Cena 85 gr. Rok V, zeszyt 30.
„BAJS JAKOW“ (miesięcznik) Adres Red. „Bajs Jakow“ Łódź, Aleksandrowska 28.

צו דער חתונה פון אונזער מיטגלידערין פרל.
**מלכה ראזענוואסער**
פון וולאצלאוועק
מיט ה' **ארי' לייב ראש**
פון לאדז
ווינשען מיר א גליקליכע צוקונפט
וולאצלאוועק בנות אגודת ישראל
פארזיצ. מ. פוקס
סעקרעט. מ. רובינשטיין.

צו דער תנאים-שרייבונג פון אונזער חשוב'ע מיטגלידערין
פרל. **אסתר מילער**
מיט ה' **משה לובלינער** פון ראווא
ווינשען מיר א הערצליכען מז"ט
סקערנעוויץ בנות אגודת ישראל
סעקרעטארין: ח. זעגמאן.

בברכת מזל-טוב אני מברך את ידידי הנעלה מר
**יצחק מושקוביץ**
לרגלי בואו בברית הנשואין.
לאדז, טבת תרפ"ח.
**משה פרידנזון.**

א הערצליכען מז"ט
ווינשען מיר אונזער חשוב'ע מיטגלידערין
**פרוי בריקמאן**
צו דער פערלאבונג פון איהר זוהן
בלאשקי די בנות-פערוואלטונג.

אונזערע טיפסטע מיטלייד-געפיהלען דריקען מיר אויס
דער חשוב'ער אונערמידלעכער עסקנות און פיהרערין פון
„בנות אגודת ישראל" פרל.
**לאצע שטשעראנסקא**
צוליב'ן טויט פון איהר פאטער ע"ה.
זיי געטרייסט אין דיין הייליגער ארבייט!
עקזעקוטיווע בנות אגודת ישראל
אין פוילען.

בברכת מזל-טוב חמה אני מברך את ידידי מר
**משה אפרים מושקוביץ**
לרגלי בואו בברית הארוסין.
**א. ג. פרידנזון.**

מזל-טוב!
א הארציגען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער חברה פרל.
**ה. פרידריך**, צו איהר פערלאבונג
ווי אויך אונזער סעקרעטארין פרל. **ליכטענשטיין,**
און פרל. **א. שארפהארץ** צו זייער חתונה.
זייער צוקונפט זאל געבויט ווערען אויף די בערג פון יהודה און
ירושלים. בנות אגודת ישראל
פרזעדבארז. לעהרערין: פרל. זיידמאן.

הנני מברך בזה בברכת מזל טוב לבית את
**משפחת ליכטענשטיין**
מפרזעדבארז
לרגלי נשואי בתם תחי'.
**א. ג. פרידנזון.**

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער וויצע-
פארזיצענדערין פרל. **ה. י. לאקס**
צו איהר חתונה מיט **ה. י. ווינטער**
איהר זאלט בויען אייער הויז אין גייסט פון אונזערע אידעאלען
סלופצא. „בנות אגודת ישראל".

ב"ה
צו דער חתונה פון פרל.
**מ. ר. ראזענוואסער**
מיט ה' **א. ל. ראש** פון לאדז
ווינשט א הערצליכען מזל-טוב
**מ. קירשענבוים**
(„בית יעקב" לעהרערין אין וולאצלאוועק.)

Red. i wyd. L. G. Frydenzon. Tłocznia I. Grinberga, Łódź, Wschodnia 45, tel. 31-90.